י. אייגער

# ארץ-ישראל אין בילד און קלאַנג

די יודישע וועלט איז פערפלייצט מיט בעשרייבונגען פון ארץ-ישראל. צו בעקענען די יודישע וועלט דורכ'ן וואָרט איז אַלץ געטהון געוואָרען און עס ווערט ביז איצט געטהון. זעהר הינטערשטעליג איז נאָר דער אונמיטעלבארער איינדרוק דורך בילד און קלאַנג, דורך פילם און טאָן-פילם. אויף אָט דעם געביעט האָט מען ווייניג וואָס געטהון און דאס ווייניגע האט אויך נישט מצליח געווען. אַ פּאָר גרופּעס מיט בעגרעניצטע טעכנישע מיטלען, און אפשר אויך מיט בעגרעניצטען וויסען פון פאַך, האבען געמאכט עטליכע אונגעלונגענע פרובען און שלוס. ערשט מיט דעם פילם „לחיים חדשים", געשאפען פון „קרן-היסוד", אָדער ווי אין אמעריקא געהט ער אונטער'ן נאָמען „דאָס פערשפּראָכענע לאַנד" — הויבט זיך אָן א ווירקליכע בעלעבונג. ער ווערט געוויזען אין לענדער פון די גרעסטע יודישע צענטרען פאר הונדערטער טויזענדער; ער רופט אַרויס בעגייסטערונג; ער רופט אַרויס סימפאטיע און נישט בלויז עמאָציאָנעלע, נאר אויך אַ טיפע, געדאנקליכע, וועלכע איז פערבונדען מיט די אידעאלאָגישע בעגריפען און אנשויאונגען פונ'ם יודישען וועזען פון אונזער צייט. ער רופט אַרויס אַ לעבהאפטיגען מיינונגס-אויסטויש, וועגען איהם שרייבט מען ווי וועגען אַ טעמע פון טאָג, און אויף דער נאציאנאלער פילם-אויסשטעלונג אין ווענעדיג ווערט ער בעשענקט מיט אַנ'אויסצייכנונג.

אין דייטשלאַנד האבען דעם פילם געזעהן ביז איצט ביי 100.000 יודען. מען האט איהם דאָרטען ערלויבט נאָר מיט'ן בעדינג, אַז קיין נישט-יודען זאל מען נישט אַריינלאָזען אין קינאָ און דאס האט געבראכט צו טרויעריגע קוריאָזען אין די בעדינגונגען פונ'ם היינטיגען דייטשלאַנד: קריסטען האָבען געבעטען, מען זאָל זיי אַריינלאָזען, ווייל זיי זענען דאָך נישט קיין אַנטיסעמיטען; אַנדערע האבען געבראכט זייערע יודישע פרויען און גע'טענה'ט, אַז מען זאָל לפחות די פרויען אַריינלאָזען. און אָט וואס עס שרייבט אַ האַמבורגער יודישע צייטונג:

„יעדער דייטשער יוד, וואס האט געזעהן דעם פילם, וועט איהם לאַנגע יאָהרען נישט פערגעסען. דאס איז נישט בלויז קיין פילם, נאָר א זעלישע עצם-זאַך פאר יעדען: פאַר'ן יונגען און אַלטען, פאר'ן ציוניסט און נישט-ציוניסט, סוחר און אקאדעמיקער און דער עיקר — פאר אונזערע קינדער, וואס זייערע אויגען זענען אין משך פון אַנדערטהאַלבען שעה געווען צוגעשמידט צו די בילדער פון יענעם לאַנד, וואס וועט אפשר אַמאָל ווערען זייער היימאַט-לאַנד".

אין אמעריקא, וואו דער פילם-פאַך איז צום גרעסטען ענטוויקעלט — הן די טעכניק, הן דער געשמאַק — האט דער ארץ-ישראל'דיגער פילם „לחיים חדשים" אָבגעהאַלטען אַ גרויסען זיעג. די פרעסע שרייבט וועגען פילם אין ערנסט; זי זעהט אין איהם אַ גרויסע טעכנישע פילם-דערגרייכונג פאר ארץ-ישראל און שאַצט זעהר הויך זיין ווירקונג אויף די יודישע ראסען אין נאַציאָנאַלען זין און דעם עסטעטישען פערגעניגען, וואס דער פילם גיט דעם צושויער בכלל.

„דאס איז א מערקווירדיגע מואווי", שרייבט דער ניו-יאָרקער „פאָרווערטס": „דער צושויער זעהט פאר זיך אַ פולקאָם בילד. ער זעהט דעם אויפבוי פון פאלעסטינא פון אָנפאנג ביז צום סוף. מען פיהרט איהם אַריין אין אַ וויסטעניש און מען ענטוויקעלט פאר איהם אַ בילד פון דער ענטוויקלונג פון לאַנד, שריט ביי שריט, ביז מען ברענגט איהם אין דער גרויסער מאָדערנער תל-אביב, וועלכע האט זיך נישט צו שעהמען פאר פיעל גרויסע און רייכע שטעדט און אייראָפּא אדער אין אַמעריקא".

„דער צושויער זיצט פערגאפט די גאנצע צייט, ווייל ער זעהט ווי פאר זיינע אויגען ווערט אין דעם משך פון 25 יאהר פון א פערוויסטעטען באָדען געבוירען אַ שעהנער און בליהענדער ישוב...

„א מערקווירדיגען איינדרוק אויף די צושויער מאכען די בילדער, וועלכע שטעלען פאָר, ווי אזוי די צוויי ציוויליזאַציעס — די אַראַבישע און די יודישע — מישען זיך צוזאמען, און ווי אַזוי דאס נייע לעבען מיט דער נייער טעכניק און די מאָדערנע איינריכטונגען שטויסען ארויס די פרימיטיווע מיטלען פון פּראָדוקציע און די אַלטע בעגריפען פון לעבען. די דאָזיגע בילדער און סצענעס ווערען ארויסגעבראכט אויף א העכסט קינסטלערישען אופן".

דער ניו-יאָרקער „סאָג" רעדט וועגען דעם שטארקען און דערפרעהענדיגען איינדרוק אויפ'ן צושויער, בעזונדערס אויף יענע, וואָס ווייסען אַזוי ווייניג וועגען דעם, וואס עס טהוט זיך אין יודישען היימלאנד, וואָס יעדע ממשות'דיגע דערגרייכונג דאָרטען איז פאר זיי אַ גרויסע איבערראשונג:

„עס שוועבען פאר אייך פערשידענערליי געשטאַלטען פון מענער, פרויען און קינדער — איהר זעהט זיי ביי אַלערליי אַרבייט, פון ברעכען שטיינער אין דער וויסטעניש ביז פאבריצירען שאָקאָלאד פאר'ן וועלט מארק, פון גראָבען קאַנאַלען צו בעפייכטען דעם זאמדיגען באָדען ביז סערווירען געטראנקען אויף אָפענע טעראסען ביים ים, פון מאָלען מעהל ביז בויען הייזער — און אזוי פיעל פון די פנים'ער זענען אינטעליגענטע, מיט אנ'אויסדרוק פון ענטשלאָסענקייט און צופרידענקייט!

„דאס זענען נישט קיין פנים'ער פון ליידענדע מענשען, נאָר פון אַזעלכע, וואס געפונען אַ פריידיגקייט אין זייער אַרבייט, וועלכע ברענגט אַזעלכע ממשות'דיגע רעזולטאטען פאר די אויגען. איהר זעהט ממש, ווי פון דער זאמדיגער וויסטעניש שפּראָצט ארויס אַ ציוויליזירט לעבען מיט שטעדט און דערפער און גוטע וועגען און א שעהנע אָרדנונג. איהר זעהט נישט נאָר, ווי מען ארבייט, נאָר אויך ווי מען אַמוזירט זיך. מען זינגט און מען טאנצט און מען אָרגאַניזירט קאַרנאַוואלען און די גאנצע צייט האט איהר דאס געפיהל, אַז די יודען אין ארץ-ישראל געבען אַנ'אינהאַלט זייער לעבען, וואס א סך פון זייערע ברידער אין די גלות-לענדער מוזען זיי מקנא זיין".

אין א צווייטען אַרטיקעל וועגען פילם שרייבט די זעלבע צייטונג, אז אַזאַ פילם וועט נישט דערלאָזען מעהר די אויסערליכע און אינערליכע יודישע שונאים צו פעלשען די יודישע געשיכטע און די געשעהענישען פונ'ם יודישען לעבען. ער וועט אויך שטיל מאָכען די שונאי ציון אין אונזערע אייגענע רייהען, וועלכע ווילען כסדר שאַפען דעם איינדרוק, אז די גאַנצע אונטערנעהמונג אין ארץ-ישראל איז גאָרנישט מיט גאָרנישט.

„ווען איהר הערט די ערשטע פולשטענדיגע „טאָקי" פון ארץ-ישראל; ווען איהר זעהט, ווי ארץ-ישראל וואַקסט פאַר אייערע אויגען; דאס הארץ ווערט אנגעפולט מיט פרייד, זעהענדיג די פיבערהאַפטע אויפבוי-ארבייט אין די שטעדט און אין די דערפער; איהר פרעהט זיך מיט די יודישע ימים טובים אין יודישען לאַנד, מיט די קינדער און מיט די דערוואַקסענע; די פרעכטיגע העברעאישע געזאַנגען, די תפלות ביי די הייליגע פלעצער, די היסטאָרישע אַלטערטימליכקייט פון דעם ארץ-אבות— דאס אַלץ רופט אין אייך ארויס א הייליגען ציטער. אויב איהר זענט נאָך נישט געווען אין ארץ-ישראל, האט איהר דאס געפיהל, זעהענדיג „דאָס פערשפּראָכענע לאַנד" אויפ'ן לייוועגד, אז ארץ ישראל איז געקומען צו אייך, אז מען האט צו אייך אהיימגעבראַכט דאס לאַנד פון אייער חלום, פון אייער האָפנונג".

און אפשר וועט עמיצער ווילען חושד זיין די גרויסע יודישע וועלט, אז זי איז אזוי בעגייסטערט, ווייל זי איז פער'שכור'ט פון דער עקזאָטיק פונ'ם אונגעוועהנליכען פייזאזש און אונגעוועהנליכע לעבענס-בילדער—קומט ארץ-ישראל, די ניכטערע און שטרענגע ארץ-ישראל אליין, און בעגלייט דעם פילם מיט אונאויפהערליכע לויבגעזאַנגען אין א לאַנגער שורה ארטיקלען פין אלע העברעאישע צייטונגען.

„צום ערשטען מאָל", שרייבט דער דער „הארץ", „האט מען אונז געגעבען די געלעגענהייט הנאה צו האבען פון א ווירקליכען קונסט-שטיק. מיר ווייסען די שווערע בעדינגונגען אין ארץ-ישראל פאר שאַפען א פילם און דעריבער קען מען נאָך מעהר צופרידען זיין מיט דער גרויסער דערגרייכונג".

דער „דואר היום" בעוואונדערט די קינסטלער פונ'ם פילם, וועלכע האבען פערמאגט אין אלעמען די געבענשטע מאָס און א געבענשט אויג:

„זיי האבען באַלד תופס געווען דאס גייסטיגע און דאס פיזישע, דעם קלימאַט און די בעלייכטונג פון אונזערע פעלזען און זאַמדען. די ערשטע בילדער פונ'ם פילם וויקלען פונאַנדער פאַר אונז די גרויסע ירושלים, די וואונדערליכע שטאדט, וואס טוקט זיך צויבערהאַפט און מאַיעסטעטיש אין אַלטקייט אויף אזוי פיעל, אז מיר קוקען אויף איהר, ווי אויף א ווייטען כרך, א לעגענדאַרישען, וועלכען מיר האבען נישט געקענט און נישט געזעהן. די אויפנאַהמען אין דאָזיגען פילם זענען אַזעלכע פולקאָמע און אזעלכע וואונדערבאַרע, אז מיר געפינען צו זיי קיין גלייכען נישט.

„לחיים חדשים" איז א פלאַמענדיגע-פייערדיגע שאַפונג, ווי די ערד, פון וועלכער זי איז אויסגעוואַקסען. דאס איז א סימפאָניע פון ליכט, מענשען און קלאַנגען. פון גאַנצען האַרצען ווילט זיך גלויבען, אז די יודען איבער גאַר דער וועלט וועלען דורך איהר לערנען קענען דאס אויסגעוועהלטע לאַנד, דאס „געשוואוירענע לאַנד"...

און דאַן איז פערשטענדליך דער אויסרוף פון דער צייטונג „דבר" אין איינעם פון די אַרטיקלען וועגען פילם:

„אזוי פיעל שעהנקייט דאָ אין אונזער לעבען און מיר האבען נישט געוואוסט"!.

דער „קרן היסוד" און לעאָ הערמאַן, וועלכער איז אממיינסטען פעראַנטוואָרטליך פאר'ן פילם, קענען זיין רוהיג פאַר דער צייט, מיה און געלד, וואס דער פילם האט געקאָסט. די דאָזיגע אינוועסטיציע איז פולשטענדיג בערעכטיגט.

אפל. אדוו. י. קרושעפיצקי

# ענדערונגען אינם געזעץ פונ'ם איינקונפט-שטייער

דער דעקרעט פונ'ם מלוכה-פרעז. פון 22 ליסטאָפּאַד 1935 (דז. אוסט. 85|35) האט איינגעפיהרט עטליכע וועזענטליכע ענדערונגען אינ'ם געזעץ פון הכנסה-שטייער. די וויכטיגסטע פון זיי איז די ענדערונג פון דער סקאַלע אין דעם זין, אז ס'איז געהעכערט געוואָרען דער פראָצענט-זאַץ פונ'ם שטייער, וועלכער ווערט געצאהלט פונ'ם איינקונפט, אזוי צ. ב. האט לויט'ן ביזאיצטיגען געזעץ דער שטייער פון 1500 זל. בעטראָפען 31 זל., לויט דער נאָוועלע 44 זל., פון א סומע פון 2000 זל. ביזאיצט 54 זל. יעצט 76 זל.

דאַגעגען איז אָבגעשאפט געוואָרען דער קריזיס-צוגאָב-שטייער.

וויכטיג איז אויך די ענדערונג, וועלכע געפינט זיך אין אַרט. 11 פון דער נאָוועלע. לויט דעם דאָזיגען אַרטיקעל קומט אויס אז ווען א פערהייראַטע פרוי פיהרט אויפ'ן אייגענעם נאָמען א אונטערנעהמונג אָדער בעזיצט א אנדערע קוועלע פון הכנסה ווערט איהר איינקונפט צוגערעכענט צו דער איינקונפט פונ'ם מאַן כאָטש דער מאַן האט נישט קיין רעכט צו בענוצען זיך מיט דער דאָזיגער איינקונפט. די דאָזיגע ביידע הכנסות ווערען צונויפגערעכענט און ווערען בעשטייערט אזוי ווי איין הכנסה, נאָר אין פאַל, ווען די פרוי איז גערי כטליך סעפּארירט קען מען נישט צונויפרעכנען ביידענס הכנסות, לויט'ן ביזאיצטיגען געזעץ, איז גענוג געווען, אז דער מאַן זאָל נישט האבען קיין רעכט צו בענוצען זיך מיט דער איינקונפט פון דער פרוי אום זייערע הכנסות זאָלען מוזען בעשטייערט ווערען בעזונדער. די דאָזיגע ענדערונג פונ'ם געזעץ האט צווייערליי וויכטיגע פראַקטישע קאָנסעקווענצען: קודם-כל קענען אזוי-אַרום בעשטייערט ווערען הכנסות, וועלכע וואָלטען אין פאַל, ווען זיי וואָלטען גערעכענט געוואָרען בעזונדער, איבערהויפט נישט אינטערליגען דעם געזעץ פונ'ם איינקונפט-שטייער, ווייל זיי וואָלטען נישט דערגרייכט דעם מינימום פון 1500 זל., אזוי צ. ב. ווען די פרוי בעזיצט אַנ'איינקונפט פון 1000 זל. און דער מאַן אַנ'איינקונפט פון 1000 זל. אונטערליגט נישט קיינער פון זיי דער בעשטייערונג, דאַגעגען ביים צונויפרעכענען צוזאמען בעטרעפען זיי 2000 זל., וועלכע ווערען יאָ בעשטייערט,—ווייטער איז דאס צונויפרעכענען ביידע סומעס גורם די העכערונג פונ'ם פּראָצענט-זאַץ פונ'ם שטייער.

געענדערט איז אויך געוואָרען דער אַרט. 26 פונ'ם געזעץ. פאר דער ענדערונג האט דער אַרטיקעל פאָרגעזעהען, אז ביי אונפערהייראַטע שטייער-צאהלער, וועלכע האבען א יעהרליכע הכנסה מעהר ווי 3600 זל. ווערט דער הכנסה-שטייער געהעכערט מיט 20%, לויט דער יעצטיגער נאָוועלע נאָר מיט 14%, דאס זענען די וויכטיגסטע ענדערונגען, וועלכע זענען איינגעפיהרט געוואָרען דורכ'ן אויבענדערמאַהנטען דעקרעט.

דער דאָזיגער דעקרעט איז אַריין אין קראַפט דעם 1 סטיטשען 1936 אַזוי-אַרום וועט די שטייער-אויסמעסטונג פונ'ם איינקונפט שטייער אויפ'ן יאהר 1936 שוין פאָרקומען לויט דעם געענדערטען געזעץ.

---

דער מיינונג, אז דער קעלצער חזן איז א גוטער חזן.

מיר ווילען אָבער אין דעם פאַל נישט ארויסזאגען אונזער מבינות און לאָזען עס איבער פאר די גבאים און מתפללים פון דער שטאדט-שוהל, וועלכע ווילען שוין מכתמא דעצידירען. מיר האבען נאָר געוואָלט בעמערקען, אז חזן באַדאַש, אויב ער וועט טאַקע נישט קומען, וועט ער אונז מאָכען א קלאָפּאָט מיט די חזנים, וועלכע וועלען כסדר קומען פּרובירען אין דער שטאדט-שוהל.

### ער האט עס געמעגט וויסען...

ווי בעוואוסט, ווערען זעהר אָפט דעמאָנסטרירט אין היגען קינאָ „סטילאָווי" דייטשע פילמען. און יעדעס מאָל ווערט בעקאנט געמאכט די היגע יודישע בעפעלקערונג דורך פלוג-בלעטער און אויך אויף די שפאַלטען פון אונזער צייטונג.

ווייזט זיך אָבער ארויס, אז נישט אלע יודען נעמען זיך אזוי שטאַרק צום האַרצען די ענוים פון אונזערע ברידער אין דייטשלאַנד און שטיצען דאָך אונטער די דאָזיגע דייטשע פילמען. דאס איז אויך געשעהן מיט'ן דייטשען פילם, וואס איז די וואָך דעמאָנסטרירט געוואָרען אין קינאָ „סטילאָווי". אמת נישט קיין גרויסע צאהל יודען האבען בעזוכט דאס דייטשע בילד, אָבער צווישען די בעזוכער זענען געווען אַזעלכע, וואס דאַרף ארויסרופען די גרעסטע פערוואונדערונג.

אָט האָט למשל בעזוכט דעם דייטשען פילם אַ יוד, אַ סוחר פון דער ערשטער אַלעע, וועלכער האלט זיך פאָר אַ הונדערט פּראָצענטיגען רעוויזיאָניסט, האָט ער זיך אָט דער דאָזיגער יונגערמאַן אריינשפאַצירט מיט זיין יונגער פרוי פריי און פראַנק אין קינאָ אריין.

אין דער גאס האבען גראד שפאצירט יודען, אויף וועלכע דאס האט געמאכט אַ זעהר נישט אנגענעהמען איינדרוק.

מיר דערלויבען זיך צו זאָגען דעם דאָזיגען „פייערדיגען" ציוניסט-רעוויזיאָניסט, אַז ווער-ווער, נאָר ער האט געמעגט וועגען דעם וויסען, ווי זיך נוהג צו זיין בנוגע אַ דייטשען פילם...

### מען רייסט זיך אָרום...

גאָט פערלאָזט נישט זיין עדה יודען, ער שיקט שוין צו אַזעלכעס, ביי וואס מען זאָל זיך קאנען אַרומרייסען.

איז איינגעפאַלען אַ גרופּע מארק-שטעהער פון זאוואדזיער מארק צו שאפען אַנ'אייגענע גמילת-חסד-קאָסע, דהיינו: יעדער זאָל צאָהלען 10 גראָשען אַ וואָך און פון דעם זאָל געשאַפען ווערען אַ קאַפּיטאַל, כדי שפּעטער קאנען ארויסגעבען הלואות, וואס זענען אַזוי נויטיג פאַר די דערשלאָגענע און פערחושכטע מארקהענדלער.

דאכט זיך, אַז דער דאָזיגער פּלאַן איז זעהר אַ גוטער און איז ווערט בעגריסט צו ווערען. מאכט זיך אָבער אַז ווען עס איז שוין צונויפגעקליבען געוואָרען אַ געוויסער קאַפּיטאַל און מען האט געדאַרפט צו טראַכטען אַרויסצוגעבען הלואות, האט זיך געמאכט די אמת'ע חתונה...

עס האַנדעלט זיך וועגען דעם: אַ גרעסערע צאהל מיטגלידער, צווישען זיי אויך מעהרערע מיטגלידער פון קאַמיטעט, האבען געהאַלטען, אַז די גמילת-חסד-קאָסע זאל בלייבען, אַזוי ווי ס'איז לכתחילה גערעדט געוואָרען, אַ זעלבסטשטענדיגע און נישט זיין אָבהענגיג פון קיין שום עקזיסטירענדען קליינהענדלער-פעראיין. האָבען אָבער די מאכער פון צענטראַלען קליינהענדלער-פערבאַנד דוקא געוואָלט, אַז די קאָסע זאל צוליעב געוויסע פּאָליטישע טעמים געהערען צו זייער פעראיין. די מעהרהייט מיטגלידער האבען דערויף נישט מסכים געווען און האבען געגרופען א פערזאמלונג פון אלע מיטגלידער אויף א נייטראַלען אָרט (אין האנדווערקער-פערבאנד). זענען געקומען א גרופּע מיטגלידער פון צענטראַלען קליינהענדלער-פערבאנד און מיט כח נישט צוגעלאָזט צו דער פערזאמלונג.

די מארקשטעהער פון זאוואדזיע האַבען זיך אָבער נישט אָבגעשראָקען און פיהרען ווייטער זייער ארבייט און דוקא אויף זעלבסטשטענדיגע יסודות, און האָפענדיג, אַז דער ברייטער עולם מאַרק-שטעהער, וועלכע זענען נישט אנגאַזשירט אין קיין פּאָליטישע מאָכינאָציעס, וועלען דערהאַלטען די אַזוי נויטיגע פאר זיי הילפס-קאָסע.

סיי-ווי איז דאנקען גאָט ביי אונז היימליך, עס פעהלט נישט ביי וואָס זיך ארומצורייסען...

### דער אמת'ער צער בעלי-חיים...

די אַנטיסעמיטען מכל המינים טרעטען לעצטענס אַרויס געגען דער יודישער שחיטה, טענה'דיג, אַז זי איז באַרבאַריש און אז מען איז עובר אויפ'ן הייליגען געבאָט פון צער בעלי-חיים; דאַגעגען האַלטען זיי, אַז אויב מען הרג'עט מיט א האַמער אָדער מען שיסט מיט אַ רעוואָלווער, ווערט דער אָקס פריהער געטויטעט. דערצעהלט מיר אָבער א קצב אַ פאַקט, וועלכער בעווייזט דאס פונקט פערקעהרטע:

מען האט מאנטאג געבראכט אַנ'אָקס אין שחט-הויז, האָט מען אין איהם אויסגעשאָסען צוויי קוילען און ער, דער אָקס, מאכט זיך נישט וויסענדיג, שטעהט ווייטער און גלאָצט מיט די אויגען און ריטשעט ווי א פערוואונדעטער אָקס. נעמט מען א האמער און מען גיט איהם צוויי זבענקעס אין קאָפּ, אָבער ער מאכט זיך ווייטער נישט וויסען... הקיצור, זיי האבען נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, מען האט דעם בחור געמוזט בינדען אַוועקלייגען מעשה פריץ און איהם שחט'ען מיט א חלף, ערשט דאמאלס איז געקומען דער טויט.

ביי דעם דאָזיגען פאַל זענען געשטאַנען אַ גרויסע צאהל מענשען, יודען און קריסטען און אלע האבען געמוזט מודה זיין, אַז די יודישע שחיטה איז די איינציגע, וועלכע פערשאַפט נישט דער בהמה אזוי פיעל צער, ווי עס טהון און ווי עס ווילען די אמת'ע צער בעלי-חיים'ניקעס...

לויתן

